# דער קונדס

הומאָר ● סאַטירע ●

צוזאַמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

בײלאַגע צום „נײעם פאָלקסבלאַט" נומער 224 — פרײטאג, דעם 28 סעפטעמבער 1934

## זײז געשעפט „בל־יהט"




אָבער איז דר'ערד איז עס דאָר!...



## פיניעלע מזיק
### גיט רישון



— פֿון עץ עפּים גיזעיען סאַרע אַנגילאָף ס'־איז גיוען פֿין די טאַלימויטביקיס ? זײ אָבן זיעה פּאָפּליִרצט גאַנץ באַלקט !

כאָדיך מיר בישט גיקענט קאָן אַריצע גיגעבן מיט זײ, וואָרמעטים איז גיווען גיפּאַקט : אָפּן באַליטער מאַריק, אין ראַדיגאַשטש, אין קיבעמאַרט־גראַף, איז גיאַטעמער אָף דער גלעריע — אימיטים אָבן זײ גי־וואָרצט מיט די שטאָפּע קרוגנס און מיט די שטעקי־עה, צ'מײנט, אַז זײ גײען אַלײנט ? קע, הע, זײ אָבנע ביש קאַ וויטישע, זײ שפּאַנצירן אַרים מיט די גיקענקעס און מאַוושען זיך.

צ'מײנט, אַז די כאַלעמוײטביקיס זענע גיווען בע־ווײמישע באַליטער קאַטלעך ? אַך ! זײ זענען גיקימען אין דער גאַנצער פּרעוונץ און פֿין ווילקע אַבעט. באַלימויט קימע זײ, די יאָלדן, זיך באַוואַן מיט די צעגיפּרעסטע הויזן, מיט די לעדירינע שקאַרפּיט־קעס אָף די הענט און רײצן זיך מיט די באַליטער־אַטן.

אינדערע באַליטער קאַטלעך אָבען אָבווט כאָליט, אָבער מיער גײען ביש קאַ שטאָפּע קרוגנס מיט קאַ לעדירינע שקאַרפּיטקעס אָף די הענט. מיר שמירן זיך אָפּ די שיעך מיט ריצינאָיל. די גױשיבעס שמירן מיער זיך אויען מיט אַרביס־יאָעך, גיקויפט זיך פאַר אַ צוויקער באַניקערן און כאָליטן אין פּאַרטיג.

אַ כיצפּע אין אַ הווע פֿין די ווילקער. זײ קימען באַך קאַ באַליט זיך רײצן מיט אינדזערע אַטן — אַ מיהימע זאָל אָף זײ קימען !

דיקהיזאַל אַצך מיר אַ גיטן שאַביס און זאָצט כ גיזיבט !

—:○:—

## אַזוי זאָגט
### דער „קונדס"־פילאָזאָף

דער „קונדס" פילאָזאָף זאָגט אַזוי :
די לאָדזער פאַבריקאַנטן האָבן אַזאַ גע־פּעקים אַז זײ שלינגען אײן די אײגענע מאַ־שינען.

---

## צוגעזאָגט

חזן : גבּ, וואָס זאָגט איהר צו מיין דאַווענען ?
גבאי : אויף סוכות וואָלט איהר מעהר צוגבן אָפּקומען.
חזן : צי וואָס ?
גבאי : אַלס פּלאָקען איז די סוכּה אַריין.
רעלעס.

---

## הקפות
### אויפן פּלאַץ וואָלנאַשטשי

די טראַמוואַי־דירעקציע באַט אונז מיט־צוטײלען אַז קומענדיגען מאָנטאָג אָוונט, וועט דער טראַמוואַי נומער 4 מאַכען הקפות אַרום דעם פּל. וואָלנאַשטשי.

---

## כ'האָב אַ גן־עדן!...
### בעריהמערײ פון אַ לאָדזער בחור

איך בין אַ בחור
אין די יאָהרען
ווער קען מיך
דען בישט ?
ביי די עלטערען
פון כלה מײדלעך
זיין איך בריוט
ביים טיש.

און שדכנים
שלאָגען אָפּ
פון אַלע עקען
די שוועלען.
די מײדלעך פּאַרען זיך
אַרום מיר,
יעדע וויל,
געפעלען.

און איך האָב
די אַלע אויס,
לאָז זײ אַלע
רעדען.
וואָס טויג מיר,
טראַכט איך
אַ גיהנום
צו טוישען פאַר
אַ גן־עדן.

רעלעס.

---

## סוחרים זענען נאַראָנים

— דו ווייסט, היינטיגע צייטען איז יעדער לאָדזער סוחר אַ נאַר.
— דהיינו ?
— ווייל נאַר מאַכט : גאָדזור, אויפּאַדלאַשטש רעגולאַציע.

סאַקראַטעס.

## צוויי בראַטאַנקעס

וועגען דעם פּויליש־דייטשען לופט־טורנע און פוסבאָל־מעטש געהט אַרום אַזאַ ווערטעל :
דער דייטש האָט פאַקטיש זענען צוויי בראַטאַנקעס צו לופט־טורנעען און צו בראַמקעס !..

## דער גליקליכער בחור

— זאָג מיר, הענעק, דו בעריהמסט דיך, אַז דו האָסט גליק אין דער ליבע, טאָ פאַרוואָס האָסטו נישט חתונה ?
— חכם אײנער! אין דעם בעשטעהט דאָך טאַקע דאָס גליק !

---

## פּאָליטיק, פּאָליטיק

— זאָגט מיר, רבותי, וואָס איז דער חילוק פון אַן ערליכען פּאָליטיקער (וואו געפינט מען איהם ?) ביז אַ האַלב ערליכען ?
— אַן ערליכער פּאָליטיקער אַרבײט פאַר'ן לאַנד, און אַ האַלב־ערליכער ווייל, אַז ס'לאַנד זאָל זאָרגען פאַר איהם.

---

## די ווייבער, די ווייבער!
### „ומוציא אני את האשה"...

אין אונזער ווערטער־בוך ווערט דאָס „האַרץ" אָפּט פאַרביטען אויף דעם וואָרט „ערד", ווען אַ ווייב זאָגט למשל, „דו ליגסט ביי מיר טיף אין האַרצען" מיינט זי געוועהנליך; „וואָלסט ביי מיר ליגען כאַפּ אין דר'ערד!"...

• • •

— ווי שעהן איז די פרוי! — האָט גאָט אויס־געדרופען ענטציקט פון חוה'ן, וועלכע ער האָט ערשט געהאַט אויסגעשניטען פון אדם'ס ריפּ, — „אָבער זי טויט וועה"! — האָט נעבעך געקרעכצט אדם און זיך געהאַלטען פאַר דער זייט.

• • •

מען דענקט, אַז בעת די וועלט וועט האַלטען אין אונטערגעהן, וועט זי מוזען אויסוואַרטען אַ ווײלע, ביז וואַנען די פרויען וועלען מאַכען די טואַלעט.

• • •

אין אַ הויז, וואו עס זענען פאַראַן דריי פרויען זענען צוויי אַבסאָלוט איבעריג און אײנע — גלאַט צופיל...

## פון אונזער העבּרעאישען ווערטער־ביכעל

לאָדזער סוחרים — פּושטי רגלים,
פאַר מלחמה־גבירים — פּושטי ידיים,
קריזיס — מקפּה פּרנסה :
סחורה פון אַ „ביאַלי זשידזשעק"—שאר ירקות
נדבנים־לאָזע מײדלעך — בנות ברק.
יודישער בעבעד־עפּוטאַט — אַנוס על פּי הדבור.
באַנקראָטען — ויִרבּו ויעצמו,
מאָדערנע פרוי — ואת ערום ועריה,
מלחמה־גביר — דבר אחר ביד.

---

## אין דער ווייבער־שוהל
### צווישען שחרית און מוסף

1־טע יודענע : ווי זעהען זי אויס אייער מיטוויטער ?
2־טע : מיט בעהיצונג בין איך שוין ב"ה פערזאָרגט.
— ?
— מיין מאַן איז אַ „האָלצע־ער" פערדינער און איך ווער ביי איהם פערשוואַרצט ווי „קויהל". בו, און זי ?
— איך בין ווידער פערזאָרגט מיט שפייז.
— ?
— שלדען,
פּאַדראַטקעס
יאַגעניטשען
ים פּראַטעסטען
זאַיענטשעס.

רעלעס.

## אַן אבן־טוב

אַז מ'פרעגט היינט אַ לאָדזער סוחר : ווי זעהען אויס די היינטיגע לאָדזער געשעפטען ? ענטפערט ער : זיי זענען ווי אַן אבן טוב (אַ שטיין) ווייל „אבן" מאַכט : אויפּאַדלאַשטש, באַנקראָט, גאָדזור.

---

— אין לאָדז לעבט מען היינט מיט בלויז נסים
— פאַרוואָס ?
— ווייל „נס" מאַכט : באַנקאַ, טעקוועסטראַציאַ און סאַקראַמענטעס.

